בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | תולדות | כ"ה חשון | תשע"ב | פסחים: קי"ג:

# באריכט:

## הולדת נכד מרן רבינו שליט"א

פאראגנגענעם זונטאג אווענט העעל"ט איז למזל טוב געבוירן געווארן אן אייניקל ביי מרן רבינו שליט"א – הולדת הבן ביי חדב"ן הגה"צ ר' ברוך שליט"א רב דביהמ"ד ויואל משה – ברך משה בקרית יואל.

**-מזל טוב!-**

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנ"ש בקו"פ, איז הגה"צ ר' מרדכי זילבער שליט"א האדמו"ר מ'סטישטשין געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן גאהר א לענגערע שמועס בדברי תורה ועוד.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר שמחה זימל מיטעלמאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א פאהרגעלערנט א שיעור אין די גמ' און תוס' אין די סוגיא ווי מען האלט אצינד אין די ישיבה אין מס' חולין דף צ"ח ע"א אין די תוס' בסוגיית מין במינו, און איבערגעלאזט א קשי' פאר די בחורים צו פארענטפערן.

אין די מיטאג שטונדן האט דער רבי שליט"א באזוכט אין די מצה בעקריי ווי מען האט היינט בשטומ"צ אנגעהויבן באקן מצות צום היי-יעריגן סעזאן, ווי דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט אין די גאנצע בעקעריי.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג ווי יעדע וואך, בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א אויף היוז סט.

## בית אופה ד'קהלתינו וויליאמסבורג הויבט עפענט היי יעריגן מצות-סעזאן

אויך דער בית אופה ד'קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג האט היינט אפיציעל אנגעהויבן די ארבעט פונעם מצות באקן פאר'ן יו"ט פסח העעל"ט, ווי עס איז אראפגעשטעלט געווארן א הערליכע סטעף פון

היימישע אברכים חשובים שיחיו חברי קהלתינו הק', וועלכע זענען די עובדים אין די בעקעריי.

די ארבעט גייט אהן אונטער די שטרענגע השגחה פו הגה"צ וויליאמסבורג'ער רב שליט"א תחת הוראות ופקודות של כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי אלס ממונה מטעם דעם רב שליט"א דינט הרה"ג ר' הערש לייב בערנשטיין שליט"א מו"ץ ב'קהלתינו הק' וועלכער איז דער מפקח כללי.

באזונדער איז היי יאהר צעוואקסן די נאכפראגע ביי אנשי שלומינו בפרט און ביי אידן יראים ושלמים פון איבער גרעיטער ניו יארק און אזוי אויך תושבי אייראפע, וועלכע ווילן דייקא די מצות פונעם בית אופה וויבאלד דא ווערט געבאקן נאר מצות מהודרות פון די חטים המהודרים ביותר פון אריזאנא.

***-כן נזכה לעשותו-***

🙠•🙢

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**